אויך גווישי קברי קדושים צו גין אדר צו דענן
זעלביגן אתפלל צו זיין · דש אן דיא טניר

קרעגן

קרענץ דארזן רונדי קיילכן גלויגן · זיין פון
האלץ אדר פון אנדרי זאכן · אונ׳ רויזן גנענט
ווערדן · אפט עטכטי הרום ציהן · ( דאש
הייסט מן זאלטי זוא פיל מאל איינה תפילה טון
אלז קיילכן אן דער שנור אדר אן דעם קראנץ
גלויגן זיין · אונ׳ ווען אלי קיילכן גליזט ווערן אונ׳
מן פאנגט נאך איין אדר מער מאל אן · דאש
ווערי איינה גרויסי מצוה ) אדר אויך זיא האבן
דאש פאר מעשים טובים אויש גגעבן ווען אן
איין נדר שטעט איין גלח צו ווערדן אונ׳ דעש גלייכן
מער : זאלכי אונ ניצליכי ווערקי פריין אונזרי
שונאים נון מער ניכט זוא זער הויך · אלז זיא
פאר דיזן געטאן האבן : אונ׳ איבר דיזש זוא
האבן זיא אויך אילויר גלערנט עטוואש פון דער
אמונה שלמה צו רידן · מאז פון זיא דאך און
דען פאריגן צייטן גאר ניכטש גררטת האבן :
אויב זיא גלייך דאך נאך ניכט אויך הערין צו פר
פינשטרן דיא תורה פון דער אמונה שלמה אונ׳
מאכן דיא גמיטר צווייפל האפטיג אין דען זיא
לערנן · דש מן דורך מעשים טובים כפרת
החטאים פר דינן אוז · אונ׳ לערנן ניכט · דש
דער בן אדם אליין דורך דיא אמונה שלמה פון
וועגן דש משיח סליחות החטאים מקבל איזט ·
וועלכי לערנונג מער נחמה אונ׳ מער גווים הייט

אין דעם הערצן ווערקט · אלזו ווען אין לערנט
אליין אויף מעשים טובים זיך מבטיח צו זיין :
ווייל נון דיא לערנונג פון דער אמונה שלמה ·
וועלכי דאס פאר נעמסטי שטיק איזט
אין דער אמונה דער משיחיים · זוא לאנגי
צייט האט דארינדר גלעגן · וויא כל עולם מוז
מודה זיין · נעמליך דס אין קיין ווארט גמעלדט
האט פון דער גרעכטפערטיגקייט אויס דעם
גלויבן ( אן דעם משיח ) זונדרן נור גרעדט
דס אין מעשים טובים טון זאלן · זוא האבן
אונזרי חכמים פון דיזר זאכי אלזוא דיא קהלות
מדריך גוועזן · וויא פאלגן ווירד :
ערשטליך דס דיא מעשים טובים ניכט קענן
הקב"ה מכפר זיין אדר סליחת החטאים אונ'
חסד אדר דיא גרעכטפערטיגקייט ערלאנגן ·
זונדרן דס אין זאלכט עמפפאנגי אליין דורך
דען גלויבן · נעמליך ווען אין גלויבט דס אין פון
וועגן דס משיח סליחת החטאים אונ' חסד פון
הקב"ה מקבל איזט אלזו וועלכר ( משיח ) אליין
גזעצט איזט צום פר מיטליר אונ' צור כפרה ·
אונ' דורך וועלכן הקב"ה אויס גזאנט ווירד :
דערא' האלבן · ווער זיך נון מבטיח איזט
אויף דיא מעשים טובים · אונ' איינט
דאדורך דען חסד בייא השי' צו פר דינן · דער
זעלביגי

זעלביגי פר אכטיט דיא זכיות אונ' דען חסד
פון משיח · אונ' זוכט אן דען משיח · נור אויש
מענשליכן יכולת איין וועג צו גאט · וועלכש
ווידר דיא תורה פון דער בשורה טובה איזט ·
דען דער משיח האט פון זיך זעלבשט גזאגט ·
איך בין דער וועג · דיא ווארהייט אונ' דאש
לעבן :

דיזי תורה פון דער אמונה שלמה ווירד זער
אפט אונ' קלאר אין דען כתובים פון
דעם משולח פאולוס גלערנט · זונדרליך אין דעם
בריב אן דיא גלויביגי צו עפיזוס · וואו זעלבשט
אין דעם אנדרן קאפיטל אלזוא שטיט · איר
זייט זעליג גווארדן אויש חסד · דורך דען
גלויבן · אונ' דיזש איזט ניכט אויש אייך
ווארדן עש איזט איינה גאב פון גאט · ניכט
אבר אויש דען מעשים טובים · דא מיט זיך
קיינר בריהמן מעכטי וגומר :

אונ' דא מיט ניכט איימנד אויף אונז מעכטי
אחרך זיין אלז ווען איר איינן נייאן פירוש
גמאכט העטן איבר דיזי ווארקני פון דעם משולח
פאולוס · זא וואלן איר דיזש בווייזן מיט דעם
לייגנים פון דען תנאים אין דען ערשטן דורות ·
ווארויט אן זעהן זאל דש דיזי דא מיט משיכם
זיין : דען אויגוסטינוס איזט אין פינן ספרים

אפאלף פון דער גנאדי אונ' דער גרעכטפערטיג
קייט אויט דער אאונה שלאה · אונ' רירט
ווידר דיא זכיות פון מעשים טובים : גלייך
פאלש האט אויך גלערנט נאך איין עלטרר תנאי
מיט דעם נאאן מאברזיאום · אין דעם בוך ·
וואו ער האנדלט פון קריאת הגויים אל המשיח ·
אדר פון דער תשובה דער גויים · אונ' אן
אנדרן ארטן אער : דען דא זעלבטט שפריכט
ער אלזוא · אן איזט דיא גאולה דורך דאס
בלוט פון דעם משיח אזלזל אונ' אבזה וגו' · ווען
אן זאגן וויל · דט דיא גרעכטפערטיגקייט
פאר גאט · דיא אויט חסד גשיכט · דורך
פאר העמר גיאנרי זכיות פון מעשים טובים ער
לאנגט ווערדי · דט אלזוא דיא גרעכטפרטיגונג
ניכט, יא איין ווערק פון הקב"ה · דער עט אויט
חסד חנם שענקט · זונדרן איין ווערק פון דעם
בן אדם · דער זאלכי מעשים טוט : דא דאך
דיא מעשים טובים ניכט דארפן בטל ווערדן
ווען אן דען היפך לערנט :
אויך נון גלייך דיזי תורה פון לזים אונ' קליים
פר אכטיט ווירד · זוא פינרן דאך זאלכי
לייטי דיא חרדים אונ' נכה רוח זיין · דט אין
דער זעלביגי גרויטי נחמה אונ' איזט פאר דער
נשמה : דען דאט העלן אונ' דאט גאיט פון

דען אענשען קאן דורך קיינרלייא ווערק צו שלום
אונ׳ שלווה בייא זיך זעלבשט קומן · אלז נור אליין
דורך דען גלויבן · דא ער נעמליך בייא זיך
גאנץ געוויש בטוח איזט באמת ונכון · דש איש
הקב״ה זייא איין אב רחום וחנון · אונ׳ פאר
אין איינה כפרה אן גנומן : גלייך וויא דער
משולח פוילוס שפריכט אין דעם בריב אן דיא
רואיים מיאן ה׳ · ווען איר נון דורך דען גלויבן
זיין גרעכט ווארדן · זוא האבן איר פריד
בייא גאט :

דיזה נחאה פון דער אמונה שלאה האט אן
פאר דיזן אין דען דרשות ניכט אודיע
גוועזן · זונדרן אן האט דיא גמיטר נור מענה
אונ׳ אילר גוועזן מיט דער לערנונג פון מעשים
טובים : דארום האבן דיא לייט אלירלייא
מעשים פאר גנומן : דען עטליכי האט מיר
גאיט אין דיא מדברות הין איין גיאגט · עטליכי
אין דיא קלויטטר · מיט דעם בטחון אונ׳
מיט דער תקוה · דש זיא דא זעלבשט דורך
דיזי זאכן ווערדן פיל חסד בייא הקב״ה ערלאנגן ·
נאך אנדרי אבר האבן ווידר אנדרי זאכן מיט
גדאכט אום דורך דיזעלביגי חסד אונ׳ כפרת
החטאים צו פר דינן : דעשט וועגן וואר עס
ניטיג דש דיזי תורה פון דער אמונה שלאה אן

דעם משיח ווירדום אן גפאנגן ווערדי קונד
גמאכט צו ווערדן דא איט דיא רעכטי בעלי
תשובה בלב נשבר ונכה רוח נחאה העטן ·
אונ וויטן מעכטן דש אן סליחת העוונות אונ
דען חסד ביים הקב״ה אונ דיא רעכטפרטיגונג
איבר קומי אליין דורך דיא אמונה אן דעם
משיח :

איבר דיזש ווערדן אויך דיא האוניים אונטר
ריכטיט · דש אן היער ניכט פון איינם
זאלכם גלויבן רידיט · דער נור אין איינם וויטן
בשטיט · דער גלייכן אויך דיא טריק אונ
רשעים האבן · אלז וועלכי אויך דיא מעטים
גלויבן · דיא זיך איט ישוע צו טראגן · נעמליך
דש ישוע יסורים גליטן האבי אונ ווידרום פון
דען טויטן אויך גשטאנדן זייא · זונדרן אן דירי פון
דעם ווארהאפטיגן גלויבן · וואו דורך דער בן
אדם גוויש גלויבט דש ער דורך דעם משיח
חסד אונ סליחת העוונות ערלאנגי · אונ וואו
דורך אן גוויש וויש · דש אן איינן אל חנון
האט דורך דען משיח · אונ ערקענט אלזוא
העטי אונ רופט צו אים · אונ מיזט ניכט אן גאט
ווים דיא אומות העולם :

דען דער שטן אונ דיא רשעים גלויבן דיזן
עקר פון סליחת העוונות ניכט · דארום

האבן זיא הטי׳ · קענן ניכט צו אים רופֿן · אונ׳
ניכֿט גוטט פֿון אים האבן : אונ׳ אלזא · וויא
איינר געאלדט אייזט · רידט דער פסוק פֿון
דעם גלויבן · אונ׳ הייסט גלויבן ניכֿט איין זאלכט
וויסן · דער גלייכֿן דער שטן אונ׳ דיא רשעים
אויך האבן : דען אלזוא ווירד פֿון דעם גלויבן
געלערנט אין דעם בריבֿ אן דיא עבֿריים סימן
י״א · נעמליך דש גלויבן זייא ניכֿט אליין דאש
וויסן פֿון איינר זאך על דרך מעשה · זונדרן
דאש ווארט גלויבן הייסט איינה צו פֿר זיכֿט אונ׳
בטחון צו הטי׳ האבן זיין פֿר שפרעכֿן צו עמפפֿאנגן:
אונ׳ אויך אויגוסטינוס ערקליערט אונז דש איר
דאש ווארט גלויבן אין דער תורה פֿר
שטיאן זאלן דש עש הייסי איינה צו פֿר זיכֿט צו
גאט דש ער אונז גנעדיג זייא · אונ׳ הייסט
ניכֿט אליין איין וויסן על דרך מעשה · דער
גלייכֿן וויסן אויך דער שטן האט :
ווייטר ווירד געלערנט דש מעשים טובים זאלן
אונ׳ אונז געשעהן · אבר ניכֿט דש אן
זיך זאלטי מבֿטיח זיין דא מיט דען חסד בייא
הקב״ה צו פֿר דינן · זונדרן אום גאטש ווילן אונ׳
צום פרייז גאטש : אבר פֿר געבונג דער
זינדן · אונ׳ דער שלום ושלוה דער נשמה אונ׳
אירה רפֿואה ווירד דורך דען גלויבן אליין איבר
קומן :

קומן : אונ׳ וויל דורך דען גלויבן אויך דער רוח הקודש געגעבן ווירד · זוא ווירד אויך דא דורך דאש הערץ געשיקטר גוטי ווערקי צו טון · מער אלז צו פאר : דען דיא קרעפטן דש מענשן זיין אן רוח הקודש פול פון בייזהאפטיגן מדות · דש זיא פיל צו שוואך זיין אלז דש זיא זאלטן קענן זאלכי מעשים טובים אויס ריכטן · דיא פאר הטי׳ גפאלן מעכטן :

איבר דיזש זוא זיין דיא מענשן אן אמונה שלמה אין דער גוואלט פון שטן · וועלכר זיא אן רייצט צו פילי זינדי צו בייזי מחשבות אונ׳ הרהורים · אדר גאר צו אפן באהרליכי זיאות אונ׳ מעשים הרעים : גלייך וויא איר דיזש זעהן קענן אן דען חכמי הגוים אדר פילוסופים . אלז וועלכי זיך פאר גנומן בצניעות אונ׳ בתם וביושר צו לעבן · אליין זיא האבן זאלכש ניכט גקענט אוליא מכוח אל הפועל זיין · זונדרן זיין פר מון רייניגט ווארדן דורך פילן אונ׳ אפן בארליכן פשעים אונ׳ טערורות : זוא זער שוואך מיזט דער בן אדם אונ׳ זוא זער קאן ער לידי עוונות ונזיון ונסיונות קומן · ווען ער ניכט דיא אמונה שלמה אונ׳ דען רוח הקודש האט אונ׳ ווען ער זיך אליין דורך זייני אייגני קרעפטי ויל אדריך זיין :

דעשט וועגן מיזט דיא תורה פון דער אמונה שלמה

שלמה ניכֿט צו בשולדיגן אלז ווען זיא פֿר ביטי מעשים טובֿים צו טון · זונדרן זיא מיזט פֿיל מער משבח צו זיין · דש זיא לערנט בעסרי מעשים טובֿים טון · אונ׳ לייגט נאך דאלו וויא אן מעשים טובֿים טון קענטי : דען זונדר גלויבן אונ׳ זונדר משיח מיזט דיא טבֿע פֿון דעם בן אדם אונ׳ זיין יכֿולת פֿיל צו שוואך מעשים טובֿים צו טון : דען ווען איינר זונדר אמונה שלמה מיזט · זא מיזט ער ניכֿט רעכֿט מתפלל צו מין · ער קאן אויך ניכֿטש גוטש פֿון אים האבֿן · ער מאג ניכֿט עומד בשעת הנסיון והצרות · ער קאן דען דיזן מצוה ניכֿט מקיים זיין · ואהבת לרעך כמוך · דוא זאלשט דיינן גזעלן ליבן אלז דיך זעלבשט · ער קאן זיין שירות ניכֿט רעכֿט אויש ריכֿטן · ביזה תאוות צו פֿר מיידן · זונדרן ער זוכֿט לויטר דבֿרי עולם הזה אונ׳ מענטליכֿן בטחון · אונ׳ פֿר לאזט זיך דרויף : אלזוא האבן אלי דיא ביזי תאוות אונ׳ אלי מענטליכי הרהורים אין דעם הערצן דיא ממשלה · ווען קיינה אמונה שלמה פֿון דש משיח אונ׳ קיין בטחון צו הש׳ דא מיזט : דעשט וועגן האט דער משיח זעלבשט גשפראכֿן אין דער בשורה טובֿה דורך יוחנן סימן ט״ו · אן איך קענט איר ניכֿטש טון :

## אמבראזיאוס

## פירוש המלות זרות

אמבראזיאוס וואר אב בית דין אונ' ראש הישיבה צו מיילאנד אין איטאליא · ער איזט איין גרוישר חריף גוועזן אין לשון יון אונ' אין לשון רומי אונ' האט פֿיל ספֿרים געטריבן ווידר דיא דא צו מאליגטי איניק · ער איזט געבוירן צו טריר בשנת של"ג · אדר למנין היהודים ד' אלפים צ"ג · אונ' האט פֿאר הער געזאגט דיא צייט פֿון זיינם טויט · נעמליך דש זיא זיין זאלטי פֿאר פסח שנת שצ"ז אדר ד' אלפים קנ"ז :

## עיקר ח

צום איין אונ' צוואנציגסטן · פֿון דעם כבוד · וועלכן אן דען קרוטים אן טון זאל לערנן איר אנזונא · דש אן אן דיזעלביגי גרעבקן זאל דא איט איר אונזרי אמונה שטערקן · ווען איר נעמליך זעהן וויא דענן זעלביגן גנאדי געשעהן איזט · אונ' וויא אינן דורך דעזן גלויבן איזט געהאלפֿן װארדן · אונ' דא איט אן אויך איין עקסעמפל נעמן מעכטי פֿון איהרן מעטים טובים איין איקליכר נאך זיינם מעאר · לאזט דער קיסר יר"ה מאג, פֿאלגן דעם עקסעמפל פֿון דוד

המלך ע"ה · אונ' מלחמה פֿיהרן ווירד דען תוגר
אדר ישמעאלים · אוך זיא פֿון זיינם מלכות
אב צו האלטן: דען ביידי זיין אין דער מלוכה ·
אונ' איר שירות איזט אירי עבדים צו בשירמן אונ'
צו בשיצן ·

אבר עס ווירד קיינר מיט דער תורה בווייזן
קענן · דאס אן צו דען קדושים זאל
תפֿילה טון . אדר הילפֿי פֿון אינן צו ביטן : דען
עס איזט נור איין איינציגר געזעצט צור כפרה אונ'
צור פֿראיטלונג צווישן גאט אונ' צווישן דען מענשן ·
נעמליך דער מענש ישוע דער משיח · ( אין
דעם ערשטן בריף אן דען צדיק טימוטיאוס
סימן ב' ) וועלכר איזט דער איינציגי מושיע ·
כוהן הגדול · דאס כפורת · אונ' דער אלין
ביים גאט · אין דעם בריף אן דיא רומיים
סימן ח' : אונ' דיזר אלין אונ' מושיע האט
אליין צו גזאגט דש ער אונזרי תפֿילה ערהערן
וויל : דאס איזט אויך דיא גרעסטי עבודה
נאך דער תורה · דש אן דען זעליגן ישוע
המשיח אין אלן צרות אונ' שמאלות צו פֿארטן אונ'
אן רופֿן זאל : אין דעם ערשטן בריף פֿון יוחנן
סימן ב' שטיט גשריבן · ווען איר זינדיגן זאל האבן
איר איינן פֿארשפרעכר ביים גאט · דער דא
גרעכט איזט · נעמליך דען ישוע :

דיזש איזט כמעט דער תוכן אונ׳ דער כלל פון
דער תורה וועלכי אין אונזרן קהילות זום
רעכטן אונטר ריכט פון דען מטיחיים . אונ׳ זור
נחאה פאר דיא וועלכי נכה רוח אונ׳ לב נטבר
האבן . ווימ אויך זור בעסרונג דער גלויבן
גדרשת אונ׳ גלערנט ווירד :

בילא״וא

* * * * *
* * * *
* * *
* *
*

# יסודי האמונה בקצרה
## על פי השלוחים

דיא גרינדי פֿון דער אמונה קירצליך דורך דיא
שלוחים פֿון ישוע ·

## יסוד א׳

דער ערשטי גרונד האנדלט פֿון דער
שעפֿפֿונג :

אני מאמין · איך גלויבי אן גאט דעם
אלמעכטיגן פֿאטר · דער דא איזט
בשעפֿפֿר פֿון הימל אונ׳ דער ערדן :

## יסוד ב

דער אנדרי גרונד האנדלט פֿון דער גאולה
דורך דען משיח :

אני מאמין · איך גלויבי אן ישוע דעם משיח
זיינן איינציגן זון · אונזרן הערן · דער
דא ענטפֿאנגן װארדן דורך דען רוח הקודש .
אונ׳ גבוירן פֿון דער יונג פֿרויאן מרים · אונ׳
דער ( יסורים אונ׳ חליים ) גליטן האט אונטר
פאנציאוס פילאטוס · אונ׳ אויך דאש האלז
גהענקט · געשטארבן אונ׳ בגראבן · הין אונטר
גנידרט אין דיא היל׳ . אן דעם דריטן טאג

ווירד אויך גשטאנדן פֿון דען טויטן · הין אויך גשטיגן גען הימל · זיצט צור רעכֿטן הנט פֿון גאט דעם אלמעכֿטיגן פֿאטר · פֿון דאנן ער קומן ווירד צו ריכֿטן דיא לעבנדיגי אונ׳ דיא טויטי ·

## יסוד ג

דער דריטי גרונד האנדלט פֿון דער קדושה ·

אני מאמין · איך גלויבי אן דען רוח הקודש : איינה קהילה קדושה דער משיחיים · איינה חבֿרה פֿון דען קדושים · סליחת העוונות תחיית המתים אונ׳ חיי עולם הבא · אמן :

( פֿון דיזן יסודות איזט צו וויסן · דש׳ ניכֿט אלי דיא ווארטי וויא זיא היער שטיאן פֿון דען משלוחי ישוע הער קומן · זונדרן דיזעלביגי האבן נאך אער בקילר דיזי יסודות גפֿאסט אונ׳ גזאגט אני מאמין באב · בן ורוח הקודש · וויל אבר נאך דער צייט בעו״ה פֿיל איניס אויך גשטאנדן זיין · אונ׳ אלירלייא אינות ווידר דיא תורה פֿון ברית החדשה איין פֿירן וואלן · זוא האבן דיא חסידים אונ׳ אנטיהאעטה פֿון דען ראשי קהילות הנוצרים נאך אונ׳ נאך אייניגי פסוקים דא צו גזעצט· אום דען יסוד רעכֿט אפֿרט צו זיין · אויך דש דיא איניס קיין פתחוי פה העטן : אונ׳ איזט

עש דא איט עבן אזו צו גזאגן אלז וויא בייא
דעם בטלום פון דען ברכות אין דעם בית
המקדש · דען דא האבן זיך אלי ברכות אויש
גלאזן עד העולם : נאך דעם אבר דיא איניק
מקלקל גוועזן אונ׳ גזאגט עש זייא נור איין עולם :
נעמליך עולם הזה אבר קיין עולם הבא · זוא
האבן דיא אנשי כנסת הגדולה מתקן גוועזן צו
זאגן מן העולם ועד העולם · אונ׳ האבן אויך
מתקן גוועזן דש איינר דען אנדרן אויף דער
גאסן גריסן זאל מיט דעם שם דא פאר דיזם ניכט
אותר וואר דען שם דא בייא צו גברויכן ·
אונ׳ נאך אנדרי תקנות מער · וויא
צו זעהן איז אין דער ערשטן
משנה פון פרק
הרואה :

* * *
* *
*

*):(*

# הילוף העקרים שנפלו בהם מחלוקות בין האיוואנגיליקי ובין הדובקים באפפיור :

נון קומן זאלכי עקרים אין וועלכן דיא מנהגים וויל זיא ניכט נאך דער תורה (פון ברית הראשון אונ' ברית החדשה) זיין פרענדרט וואָרדן :

## פתיחה

(אן זעהי וואס פארן בייא דער ערשטן פתיחה איזט גזאגט וואָרדן)

וויל דיא קהילות בייא אונז (איוואנגיליקי) אין קיינם עיקר אבווייכן פון דער רעכטן אמונה · דיא נאך דעם ברית הראשון אונ' ברית החדשה אונ' נאך דען דינים אונ' פסקים וועלכי דער כלל משיחיים אן גנומן האבן דיא אמונת אמת איזט · זונדרן זיא ענדרן אונ' לאזן נור וועק דיא יעניגי מנהגים · וועלכי ניכט נאך דער תורה זיין · אונ' וועלכי צום טייל פון זיך זעלבסט שלא בכוונה נאך אונ' נאך אויף גקומן זיין · אונ' צום

טייל בכוונה אונ' בחזקה זיין אויך גריכטיט ווארדן ·
זוא איזט ניטיג דיזעלביגי צו ערצילן · אונ' צו גלייך
דיא אורזאך צו זייגן · ווארום היערמין איינה
פֿרענדרונג צו גלאזן איזט · כדי אדונינו הקיסר
יר"ה ערקענן מעגי דש אן היערמין ניכֿט
במזיד אדר בפושע ווהר דיא אמונה פֿון דען כלל
משיחיים (נוצרים) געהאנדלט האט · זונדרן
דש איר דורך דאש גבאט פֿון גאט וועלכֿט בילך
העכֿר צו האלטן איזט אלז אלי מנהגים ·
זיין גצוואונגן ווארדן זאלכי פֿר
ענדרונג צו צו געבן :

* * * * *
* * * *
* * *
* *
*

**אמר המדפיס** וויל אונטר דען פֿאלגנדן עיקרים איינגי פֿאר קומן

דיא זיך גרינדן אויף דער תורה פֿון ברית החדשה אונ׳ פֿאלגליך דען יעניגן · וועלכי אין דער תורה פֿון ברית החדשה ניכט בקיא זיין · און בקאנט פֿאר קומן מעכטן דש זיא ניכט מיין אמל דען יסוד אונ׳ שורש דא פֿון פֿר שטיאן ווערדן · צו גשווייגן דש זיא דען הפרש צווישן דעם מנהג אמת אונ׳ מנהג שקר זאלטן פריבן קענן · זוא מאלן מיר איין יעגליכן זאלכן עיקר אלי אמל פֿאר הער בקילר אפֿרט זיין · דמאיט דער מאת דעשטא בעסר ערקענט ווערדי . אונ׳ וייל נון דיזר צוייא אונ׳ צוואנציגשטי עיקר · אין וועלכן בפֿרט דיא מחלוקות צווישן דען איוואנגיליקי אונ׳ צווישן דעם אפפיור אן פֿאנגן געלדרט צו ווערדן · אויך פֿון איין זאלכן ענין האנדלט · דאש דען בר ישראלים און בקאנט פֿאר קומן מעכטי אויב וואול דער יסוד דא פֿון ברמז אין תורת משה ליגט · זוא זאל ערשטליך פֿן דער גאנצן זאך עטוואש צו וויסן גטאן ווערדן :

**עש** איזט ידוע לכל דש הקב״ה אין דעם ברית הראשון צווייערלייא זאכן גגעבן האט צום צייכן דש פֿר בונדש · אדר וואורמן אן זאל ערקענן דש דיא יהודים בני ברית פֿון הקב״ה זיין : דאש

ערשטי וואר דיא מילה · דאש אנדרי וואר דאש
קרבן פסח : נון איזט וואל בקאנט דש דיא
רבנים דען שבת אויך מיט צום צייכן דש פֿר בונדש
רעכֿנן · אונ׳ אלזוא דרייארלייא זאכֿן דאצו ציהן ·
אליין וויל טוין אן איינם אנדרן ארט · נעמליך
דער הקדמה צו דעם בריבֿ פֿון פויל אן דיא רומיים
בראיות גמורות איזט בוויזן וואָרדן · דש דער
שבת ניכֿט דאצו גהערט · זוא בלייבט עש אויך
היער דאבייא דש נור צווייא צייכֿן בייא דעם
ברית גוועזן זיין :
גלייך וויא אבר דיא מילה אן דעם גאנץ איין ראז
וואר צו דער מילה דיא דא גשעהן זאלטי
אן דעם הערצן · אונ׳ דאש קרבן פסח וואר איין
ראז אויף דען משיח · גלייך וויא אויך דיא גאנצי
גאולה אויש מצרים איין ראז וואר אויף דיא
איביגי גאולה דיא דורך דען משיח גשעהן זאלטי ·
וויא אן איינם אנדרן ארט אם ירצה השם זאל
דייטליכֿר גצייגט ווערדן · אלזוא זיין דאקיגן אין
דעם ברית החדשה צווייא אנדרי זאכֿן צום צייכֿן
גגעבן וואָרדן · נעמליך דיא טבילה אן שטאט
דער מילה · אונ׳ איינה אנדרי עבֿודה אן שטאט
דש קרבן פסח · פֿון וועלכֿן ביידן זאכֿן אירי
סודות אונ׳ נסתרות וואש זיא ברמז פֿארשטעלן ·
היער וייטר ניכֿטש קאן גזאגט ווערדן ·

לאו

לאו כל מוחא סביל דא · זונדרן מוז בלייבן ביז
איין אנדר מאל · דא מן אפשר בפירוש דא פֿון
רידן ווירד :

דאך דמאיט דער פֿאלגנדי עיקר מעכֿטי בעסר
פֿרשטאנדן ווערדן · זא איזט ניטיג צור
דאט מהות אונ׳ דען פשוט פֿון דער עבֿודה צו
מעלדן · וועלכֿט דיזט איזט : נעמליך דער משיח
האט קורץ פֿארהער עהיר ער איזט איבר געבן
ווארדן ימורים צו ליידן אונ׳ זייני זיל צום טויט אויש
צו שיטן · וועלכֿט ווער אין דער ערשטן סדר
נאכֿט . דא אין דט קרבן פסח צו עסן פֿאלגט ·
זיינן תלמידים געבאטן · דט מהיום והלאה ניכֿט
מער איין קרבן פסח צו זיינם זכרון גשחט אונ׳
געגעסן ווערדן זאלטי · אין דעם דיא צייט טון
דא ווער · אין וועלכֿר דיזר רמז אן אים זאלטי
ער פֿילט ווערדן · זונדרן מן מעכֿטי צום זכרון דט
ער זיין בלוט פֿר גאסן האט אויף דעם האלץ פֿאר
אליר מענשן זינדי · אונ׳ דט אלי דיא אן אים כהיגן
מאטין זיין דורך דיא ביילן פֿון זיינם לייב געהיילט
ווערדן איין ווניג ברויט עסן · אונ׳ איין ווניג
וויין טרינקן · אונ׳ צוואר ניכֿט דוקא אלי יאר איין
מאל וויא דאט קרבן פסח · זונדרן זא פֿיל מאל
אלז איין נכֿה רוח אונ׳ לבֿ נשבר פֿר לאנגן ווירד
זאלכי עבֿודה צור נחמה אונ׳ צום בטחון פֿון כפרת

החטאים

החטאים צו גברויכן : דש ברויט זאל אן גניסן
צום זכרון פון דעם גוף · אונ׳ דען וויין צום זכרון
פון דעם דם דאש פר גאסן איזט צו כפרת
החטאים · וויא גדאכט איזט : אונ׳ דיזט איזט
נור דאש מהות פון דער גדאכטן עבודה בפשוט ·
איר איכות אונ׳ רעכטן סוד אבר קענן איר היער
נאך ניכט מגלה זיין :

נאך דיזם פשוט האבן דיא משלוחים פון ישוע
דען סדר פון דיזר עבודה אלזוא מתקן
גוועזן : דער כהן האט ווין פאר זיך שטיאן אין
איינם כוס אונ׳ חלות אדר זנשטן איין מין לחם
פאר זיך ליגן : דא דריבר מאכט ער דיא ברכה
אונ׳ דען קידוש · וועלכן דער משיח זעלבשט
האט איין גזעצט : דער נאך קומן דיא יעניגי ·
וועלכי זיך צו גברייטיט האבן צו דיזר עבודה · אונ׳
זיין מקבל אויש דער האנד פון דעם כהן איין ווניג
פון דעם ברויט אונ׳ ווין :

ווייל נון דיזי עבודה איזט צו אבנד צייט איין
גזעצט וואָרדן · נעמליך בין הערביים ·
אלז דאש קרבן פסח פפלעגט גגעסן צו ווערדן ·
וויא איר פאר הער געהערט האבן · זא ווירד
זיא גנענט סעודת ערבית הקדושה אונ׳ בלשון אשכנז
דאש הייליגי נאכט מאהל : אונ׳ וויל אן דיזעלביגי
עבודה מקדמונים הער אויף דען טולחן אין דען

בתי כנסיות פר ריכטיט האט · וועלכר שולחן
בלשון לעז אלט"ארי גנענט ווירד · זא פפלעגט
מן זיא אויך צו הייסן עבודת המזבח הקדושה ·
ב.לשון לעז זאקראמענטום אלטאריז : אדר אויך
נור זאקראמענט סתם : איר וואלן עט ווייטר
נור נאך זיינם אהות אונ׳ נאך דעם פשוט נענן אונ׳
עט הייסן אות הקודש · אויט דעם פאר הער
גראכטן טעם :
ווייטר אוז מן וויטן דט דיא צווייארלייא זאכן
וועלכי בייא דיזר עבודה גברויכט
ווערדן · פפלעגן גנענט צו ווערדן גשטאלטן ·
דהיינו · דאט ברויט הייסט איינה גשטאלט ·
אונ׳ דער ווין הייסט דיא אנדרי גשטאלט : אין
דען ערשטן דורות איזט דיזי עבודה פר ריכטיט
גוואורדן כמשפטה וכתקונה אין צווייארלייא
גשטאלט · נעמליך דט מן דען יעניגן · דיא זיך
גמאהנט האבן צו דיזר הייליגן עבודה · ברויט
אונ׳ ווין צום זכרון צו גנימן גגעבן האט · וויא
שוין פאר גראכט איזט : דער נאך אבר איזט
עט גשעהן דט דיא כהנים דען ווין זעלבסט
אויט גטרונקן האבן · אונ׳ דען האוניים נור
ברויט אליין גגעבן : אונ׳ דיזט הייסט אין איינר
גשטאלט : וויל נון דיזר מנהג ווידר דיא תורה
פון משיח איזט · זא האט לוטירוס דאווידר
אפלפל

אפגפלן גוועזן · אונ' גזוכט דיזי עבודה הקדושה
אויך אירן ערשטן גרונד צו שטעלן : דש נעמליך
דען האוייש אלי ביידי גשטאלטן זאלטן געגבן
ווערדן : וויא ווייטר פֿאלגן וויר :

נאך דעם איר נון אלזוא אייטן וואש זאקראמענט
הייסט · אונ' וואש דאש ווארט גשטאלט
בדייטיט · נעמליך זאקראמענט הייסט ביים
דיזם ענין דיא עבודה הקדושה · אין וועלכר אן
דורך דברי חומר אלז ברויט אונ' ווין דיא מתגורת
אלהים ברחניות נעמליך דאש דם וגוף פֿון דעם
משיח צו כפרת החטאים וגו' גנישט אונ' אונז
אייגט : אונ' גשטאלט בדייטיט איינה פֿון דען
צווייא זאכן דיא ביים דיזר עבודה גברויכט
ווערדן · זוא ווערדן איר לייכטליך פֿר שטין קענן ·
וואש דאש הייסט · ווען גזאגט ווירד דער צווייא
אונ' צוואנציגסטי עיקר האנדלט

פֿון אלי ביידי גשטאלט דש זאקראמענטש

כלומר דש אין דער עבודה דיא אלזוא גנענש
ווירד · ניכט נור איינרלייא זאך ·
דהיינו דאש ברויט אליין דען האוייש גגעבן
ווערדי : זונדרן אלי ביידי · דער ווין אויך :
ניכט אבר דש אין דיא כוהנים אליין פֿאר זיך
בהאלטן זאלטן :

# חילוף העקרים

## חילוף א

עש ווירד בייא אונז (איוואנגיליקי) דען האוסייס אלי ביידי גשטאלט פֿון דעם זאקראמענט געגעבן · מיט דיזר אורזאך · וויל דיזט איין קלערליכר בפֿעהל אונ׳ געבאט פֿון דעם משיח איזט · (אלז וועלכר אין דער בטורה טובֿה דורך) מתתי׳ סימן כ׳ו (געשפראכֿן) טרינקט אלי דרויט : דא געביטיט דער משיח איט קלארן ווארטן פֿון דעם כוס דש דיא אלי דרויט טרינקן זאלן :

אונ׳ דאמיט ניאמנד עטוואש ווידר דיזי ווארטי איין ווענדן אונ׳ איינן אנדרן פשט דריבר מאכֿן קענטי · נעמליך אלז ווען דיזט (וואש דארט בייא דעם אכֿטר פֿון כוס גרידט ווירד) אליין צו דען כהנים געהערטי · זא צייגט (דער משולח) פוילוס אין דעם ערשטן בריבֿ אן דיא קהילה קדושה צו קורינטוס סימן י״א פסוק י״ד · דש דיא פֿר זאמלונג פֿון דער קהילה צו קורינטוס אלי ביידי גשטאלט געברויכֿט האט : אונ׳ דיזר מנהג איזט איינה לאנגי צייט אין דער קהילה געבליבן · וויא אן דורך דיא ספֿרי׳ פֿון דברי הימים · אונ׳ דורך דיא ספֿרי׳ פֿון דען קדמונים

אונ׳

אונ׳ תנאים ראשונים זכרונם לברכה בווייזן
קאן : (למשל)
ציפריאנוס גדענקט אן פֿיזן ארטן · דז צו
דער צייבּיגן צייט דען האוייליגן
אויך דאז כוס (איט וויין צום גנוס פֿון דעם פֿר
גאמגן בלוט דז משיח) זייא (בייא דער עבֿודת
המזבח) גגעבן ווארדן : אלזוא שפריכֿט אויך
דער קדוש הירונימוס · דז דיא כהנים ·
וועלכֿי דיא עבֿודת המזבח פֿר ריכֿטן · דיא טיילן
דעם פֿאלק דאז בלוט פֿון דעם משיח אויז :
אלזוא גביטיט גילאזיאוס דער אפפיור ועלבטט דז
אן דיא עבֿודת המזבח ניכֿט טיילן זאל :
מן פֿינדט אויך גאר צגארי קיינן כלל אונ׳ דין
פֿון דען ווערים · וועלכֿר דא גביטיט אליין
איינה גשטאלט צו נעמן : עס קאן אויך ניאאנד
ויטן · ווען אדר דורך וואס פֿאר צייט דיזר מנהג
געאליך נור איינה גשטאלט צו נעאן איין גפֿירט
איזט : וויא וואול דער קארדינאל כוזאנוס
מעלרונג טוט · ווען דיזר מנהג איזט גבילִיגט
ווארדן :
נון איזט עס אפֿן באָרליך דז זאלכֿר מנהג ווידר
דאס גבאט פֿון גאט אונ׳ ווידר דיא אלטי
חוקות איין גפֿירט ווארדן · אונ׳ אלזוא און רעכֿט
איזט : דעטט וועגן האט זיך ניכֿט גבירט ·

דאש גאיט אונ׳ דאש הערץ פון דען יעניגן לייטן
טווער צו מאכן · וועלכי דא בגעהרט האבן דאש
הייליגי צייכן פון דען גאדן פר בונד נאך דער
איין זעצונג פון דעם משיח צו גברויכן · אונ׳ (עש
האט זיך אויך ניכט גביהרט) זיא צו צווינגן ווירל
דען סדר פון דעם משיח אונזרן הערן צו האלטן :
אונ׳ וויל דיא צוטיילונג פון דען זאכן זוא צו דעם
צייכן פון דעם גאדן פר בונד געהערן · דער
תקנה פון דעם משיח ענטקיגן איזט · זוא ווירד
ביא אונז אויך דאש הרום גימן מיט דעם אורת
הקודש · וועלכש ביזהער איזט אין גברויך גוועזן
(אונ׳ גנענט ווירד פראצעסיאן) אונטר לאזן :

## פירוש המלות זרות

ציפריאנוס : דש איזט איינר פון דען תנאים
אונטר דען קדמונים : ער וואר
ערשטליך איין גוי פון זיינר גבורט אן · אונ׳ וויל
ער איין גרויטר חריף וואר אין חכמת ההגיון אונ׳
מליצות ודברי חידות · זוא האט ער אויך זער
פיל תלמידים בקומן אונ׳ וואר אין גרויטן חשיבות ·
אונ׳ דא ביא וואר ער אולן וטותה ועוטה · ביז
ער ענדליך דורך איינן רב צו קארטאגא · האט
טב אל לבו גוועזן · אונ׳ איזט בוואוגן ווארדן זיך
מגייר צו זיין צו דען נוצרי׳ אזטר וועלכן ער אן דעם

גדאכטן אַרט איין הגאון וואָרדן איזט · דיזט
וואַר אין דעם דריטן דור ללידת ישוע :

היארונימוס : דיזר איזט איינר פֿון דען גרעסטן תנאים אונטר דען
חכמים הראשונים דער נוצרים : ער איזט אויז
איין גוי אויז איינר קליינן שטאט אין אונגרן נאך
רוים גקומן אונ׳ דא זעלבסט אלירלייא לשונות
גלערנט : בפרט לשון הקודש : אוז ער זיך אגייר
גוועזן אונ׳ נטבל גוואָרדן · איזט ער אוט אין
ארבע פינות עולם הרום גרייזט · אונ׳ איאר
גזוכט תורה צו לערנן · ביז ער זוא בקיא גוועזן
איזט אין כל התורה כולה · דז ער זיא אוט
בעל פה גקאנט · אונ׳ וואר ער דער ערשטי דער
דיא תורה האט מעתיק גוועזן אין לשון רומי · וויא
אין דא פֿון ווייטר נאך זעהן קאן אין צמח דוד אונ׳
שלשלת הקבלה : ער איזט גבוירן שנת ש״כג ·
אונ׳ גשטארבן אין זיינם איין אונ׳ ניינציגשטן
יאהר · תכ למנין הנוצרים :

## עיקר כג
## חילוף ב״

פֿון דעם זיווג הכהנים · אדר דז דיא כהנים בייא
דען נוצרים דארפֿן איינה אשה נעמן :

עש איזט בייא אידראמן זוא וואול בייא
חטובים אלז בייא בינונים אונ׳

עניים איינה זעהר גרויסי קלאג אין דער וועלט
גוועזן · פון דער גרויסן אונליכטיגקייט אונ׳ פון
דעם פריצות אונ׳ פון דער חוצפה בייא דענן
גלחים דיא דא ניכט קאנטן (אן אשה) בזנונות
אונ׳ בפריצות לעבן : אום נון זוא פיל ביזט אונ׳
גרויטי אכטונלות אונ׳ פיל זיאות אונ׳ ניאוף צו פר
איידן · האבן עטליכי כהנים בייא אונז איינה
אשה גנואן : דיזעלביגי לייגן אן דיזי אורזאכן
וועלכי זיא דאלו גצוואונגן אונ׳ אכריע גוועזן
האבן :

נעמליך ערשטליך וויל דיא תורה בפירוש
מעלדט · דש דער זיווג · אדר דש אן
איינה אשה נעאן זאל זייא פון הק״בה איין געזעלט ·
אום דיא אין ליכטיגקייט צו פר איידן · וויא דען
דער אשוולח פוילוס זאגט אין זיינם ערשטן בריב
אן דיא קהילה צו קורינטוס · סימן ז׳ פסוק ב׳ :
אום דיא אין ליכטיגקייט צו פר איידן · זוא זאל
איין איקליכר זייני אייגנה אשה האבן : אונ׳ אין
פסוק ט׳ טפריכט ער · עס איזט בעסר איינה
אשה צו נעאן אלז ערהיצט זיין אונ׳ ברענן (פאר
תאות האשגל) : צום אנדרן וויל דער אשיח
טפריכט (אין דער בשורה טובה דורך מתתי׳
סימן י״ט פסוק י״ב) זיא בגרייפן ניכט אלי דיזט
ווארט : דמאיט איזט דער אשיח אוריע · אלז

וועזכר וואז גוואוסט האט וואש אן דעם מענטשן
צו טון איזט · דש ווענג מענטשן דיא אידה אונ׳
מתנה אן זיך האבן (אן איטה) בפריצות צו לעבן ·
דען גאט האט דיא מענטשן גשאפן בזכר אונ׳
בנקבה · (בראשית סימן א׳ פסוק כ״ח) :

אויב עט אבר אין דעם יכולת אונ׳ אין דעם
כוח פון איינם בן אדם איזט אן זונדרליכי
מתנה אונ׳ חסד פון הק״בה פון זיך זעלבשט אדר
דורך נדרים דיא בריות פון השם יתברך ברוך הוא
בעסר צו מאכן אדר צו ענדרן · דאש האט אן
בעו״ה גנוג ערפאהרן : דען עש איזט קלערליך
אן דעם טאג וואש בייא פילן פאר איינה קדושה ·
אדר צניעות אונ׳ פריצות בעו״ה דא הער גקומן
איזט · אונ׳ וואש פילי קודם מותם דעטש וועגן
פאר צער אונ׳ עגמת נפש אויש גשטארבן ·
רחמנא ליצלן · דיזש אליש איזט אן דעם טאג ·
אונ׳ פילי האבן עש אויך זעלבשט אורה גוועזן :
וויל דען נון דאש ווארט אונ׳ דאש געבאט פון גאט
דורך קיין נדר אדר חוק פון איינם בן אדם קאן
פערענדרט ווערדן · זוא האבן דיא כהנים אונ׳
דיא טאשים אויש דיזר אונ׳ נאך אנדרן אורזאכן
אונ׳ טעאים מעהר · זיך וייבר גנומן :

עש איזט אבר אויך אויש דען ספרים פון דברי
הימים אונ׳ אויש דען ספרים פון דען

קדמונים זכרונם לברכה צו בווייזן דש אין דער
גאיינדי פֿון דען אטיחיים משנים קדמוניות דער
מנהג גוועזן · דש דיא כהנים אונ' דיא חזנים
אונ' דיא טאטים ווייבר גהאבט : דארום זאגט
( דער אטוולח ) פוילוס אין דעם ערשטן בריב אן
( זיינן תלמיד ) טימוטיאוס ( פֿון וועלכן אין נאך
זעהן קאן אין דעם ספֿר מעשי השלוחים סימן ט"ז
פסוק א' אונ' ווייטר ) סימן ג' פסוק ב' עס זאלטי
איין זאלכר נוך דאס איבר דיא אנדרי כהנים אויס
גוויילט ווערדן · דער דא נור איינה פֿרויא האט :
עס זיין אויך אין אטכנז ערשט פֿאר פֿיר הונדרט
יאהר דיא כהנים נוך נדר דש זיא קיין פֿרויא נעאן
וואלן באנגס גצוואונגן ווארדן · וועלכי זיך אבר
זוא זעהר בכל מאמצי כוחם דאווידר גזעצט האבן
דש אין הגמון צו מיץ · וועלכר דען נייאן בפֿעל
פֿון דעם אפֿפיור פֿון וועגן דיזר, זאכי פֿר קינדיגט
האט · גאר בלד אין איינר מהומה פֿון גלחים דיא
דאריבר זיין ברגזה ווארדן · ווערי אין איינם
בדרעגקנים גיטיטיט ווארדן : אונ' דאס זעלביגי
גבאט איזט באלד פֿון אן פֿאנג, אן זוא גטווינד אונ'
זוא בעוולה פֿאר גנואן ווארדן · דש דער אפֿפיור
פֿון דער זעלביגן צייט · ניכט אליין פֿר באטן
האט קינפֿטיג הין קיינה ווייבר צו נעאן · זונדרן
ער האט אויך גבאטן דש אלי דיא יעניגי · וועלכי

טוין וויבר גהאבט · דיא זעלביגי אגרט זיין
מעכטן · וועלכט דאך ניכט נור ווידר דיא דיניא
אויט דער תורה אונ׳ אויט דען נמוסים על פי
השכל אונ׳ דרך ארץ איזט · זונדרן אויך ווידר
דיא חוקות אונ׳ כללים · וועלכי פון דען אפפיוריא
זעלבסט אונ׳ פון דען בעסטן וועדים זיין גמאכט
ווארדן :

אויך איזט בייא פילן חשובי׳ם · בייא יראי
שמים אונ׳ הכמים דער גלייכן רידי אונ׳
גדאנקן זעהר אפט גהערט ווארדן · דז איינה
זאלכי גלוואונגי זאך קיינה פרויא צו נעאן אונ׳ דען
זיווג אבטל צו זיין וועלכן דאך הק״בה זעלבסט האט
אתקן גוועזן · אונ׳ עס אין פרייא גלאזן ·
ניאאלט עטוואס גוטס איין גפיהרט האט · זונדרן
פיל גרויטי מעשים הרעים אונ׳ שערורות אונ׳ פיל
מכשול גורם גוועזן : עס האט אויך איינר פון
דען אפפיורים זעלבסט · מיט רעם נאאן פיאוס
דער אנדרי וויא דיא דברי הימים פון איא
אן זייגן · דיזי ווארטי זעהר אפט גרידט אונ׳ פון
זיך טרייבן לאזן · עס מעכטן וואול איינגי טעמים
דא זיין ווארום דען כהנים פר באטן איזט איינה
פרויא צו נעאן · אבר עס זיין פיל גרעטרי אונ׳
שטערקרי טעמים פר האנדן · ווארום אן אין
ווידר מתיר זיין זאל איינה פרויא צו נעאן : בלי

ספק האט דער אפפיור פיאוס אלז איין חכם
ונבון דיזט ווארט אויט גרויטן בדענקן גרידט :
אונ" ווייל נון דיא טבע פון דען מענטן מיאר אין
פר מערונג דער טמגי פון דער וועלט
טוועכליכר ווירד · זוא איזט וואול זעהר ניטיג אונ'
נייליך השגחה דרויף צו האבן · דמאיט ווען פר
באטן ווירד איינה פרויא צו נעמן · ניכט נאך מער
חוצפה אונ' טערורות אונ' זימות אין מטכנז מעכטן
גובר זיין אונ' איבר האנד נעמן : דען עט ווירד
ניאמלש דיזי זאך איין אנדרר בעסר אדר קליגר
אמכן קענן · אלז הק"בה זעלבשט · אלז וועלכר
דען זיווג האט מתקן געוועזן : אום דארורך דער
טוועכליכקייט פון דעם מענטן צו העלפן · אונ'
דען ניאוך צו פר הינדרן : זוא זאגן אויך דיא אלטן
כללים אונ' דיינים פון דען וועדים · אן אונז צו לייטן
דיא חומרות מיקל זיין אדר ערלייכטרן אום ווילן
דער טוועכליכקייט פון דען מענטן · אונ' אום צו
פר היטן אונ' צו פר איירן נאך גרעטרי חטאים :
נון וועלי דאט אויך אין דיזם אופן וואול כדת
המשיחיים אונ' זעהר ניטיג : דען וויא קאן דיזי זאך·
דט דיא כהנים ניכט זאלן איינה פרויא נעמן דעם
כלל אונ' דער גאנצן גאיינדי פון דען משיחיים טעדליך
זיין · זונדרליך ווען אויך אלין שמשים אונ' מטרתים
פון דער כהונה דער גלייכן זאל פרבאטן ווערדן :

עס ווירד יוא צוקינפטיג מן כהנים אונ' טאטים אמנגלן · ווען דיזע הארטי פרבאט לעניגר ווערדן זאלטי :

ווען נון דיזס · נעמליך דס דיא כהנים מעגן פרויאן נעמן · גגרינדט איזט אויף דאס וואורט אונ' גבאט פון גאט · אונ' פאר דאס מנדרי דיא ספרי הקדמונים בווייזן דס דיא כהנים וייבר גהאבט האבן · אונ' דס אויך דיא נדרים פון פריטות אדר זיך פון זיווג צו ענטהאלטן אונ' גאר קיינה פרויאה צו נעמן · זוא פול מעשים הרעים אונ' מכשולת · זוא פיל זימות אונ' שערורות · זוא פיל זנות אונ' חוצפה האט אן גריכטיט · דס אויך עטליכי זאלכט זעלבסט אורה גוועזן · אונ' קלאגנטליך אן גלייגט · וויא זאלכי שערורות פון דען גלחים דאס פורענות פון הק"בה ווירד ערוועקן · זוא איזט עס יוא צו דער בארמן · דס מן ניכט אליין פר באטן איינה פרויא צו נעמן · זונדרן דס מן זיך אויך אונטר שטאנדן האט מן עטליכי ארטן אויף דאס אלר גשווינדשטי דעטט וועגן צו טטראפן · אלז וויא פון זועגן איין גרויס מעשה רע : עס איזט דער זיווג אין דען חוקים פון דען קיסריות אונ' פון אלן אלכיות · וואו זעלבסט נור איין מאל חוקים אונ' משפטים גוועזן זיין · זעהר גלויבט : אליין צו דיזר צייט פאנגט

הן אן דיא לייטי מענה ומיצר צו זיין בחינם ובלא
דבר אליין וויל זיא וואלן איינה פֿרויא נעמן · אונ׳
דאלז נאך טוט אן זאלכֿט אן כהנים · וועלכֿי אן
דאך פֿאר אנדרי פֿר טוינן זאלטי : אונ׳ גטיבֿט
ניכֿט אליין ווידר דען דין תורה · זונדרן אויך ווידר
דיא דינים אונ׳ כללים פֿון דען קדמונים : דער
אשולח פוילוס נענט אין דעם ערשטן בריבֿ אן זיין
תלמיד טימוטיאוס סימן ד׳ פסוק ג׳ דיא לערנונג
וועלכֿי פֿר ביטיט איינה פֿרויא צו נעמן · איינה
לערנונג פֿון שטן : אלזוא שפריכֿט דער משיח
זעלבשט אין דער בשורה טובה דורך יוחנן סימן
ה׳ פסוק מ״ד דער שטן זייא איין רוצח געוועזן פֿון
דעם אן פֿאנג אן : וועלכֿט זיך דען וואול צו זאגן
שיקט · דס עס שטיטא איינה לערנונג פֿון שטן
זיין אוז צו פֿרביטן איינה פֿרויא צו נעמן · אונ׳ זיך
אונטרשטיאן זאלכֿי לערנונג מיט שפיכֿות דמים
צו ערהאלטן :

גלייך וויא אבר קיין חוק פֿון איינם מענשן קאן
דאס גבאט פֿון גאט אבֿטון זיין אדר פֿר
ענדרן · אלזוא קאן אויך קיין נדר דאס גבאט
פֿון גאט ענדרן : דארום גיבט אויך דער קדוש
ציפריאנוס דיא עצה דס דיא ווייבר זאלן איינן מאן
נעמן · וועלכֿי דאס פֿרשפראכֿני נדר פֿון פרישות
גיבֿט האלטן · אונ׳ שפריכֿט דאפֿון אין דעם
איילפֿטן

אײלפטן בריב פון דען ערשטן בוך אלזוא · ווען
זיא (דיא ווייבר) דאט פרישות ניכט האלטן וואלן ·
אדר ניכט האלטן קענן · זוא מיזט עס בעסר דש
זיא פרייאן מאן נעמן · אלש דש זיא דורך היצי
לושט · אין דאט פייאר פאלן · אוני זאלן זיך וואל
פאר זעהן · דש זיא דען ברידרן אוני שוועסטרן
(כלומר דען איבריגן אין אירר חברותה) קיין
אנשטוס אדר אן שטוים אן ריכטן :

ועל כולם זוא זיין אלי כללים אוני דינים פון
דען קדמונים אנהר מיקל אוני מתיר
בייא דען יעניגן · וועלכי אין דער יוגנד איין נדר
גטאן : וויא דען דער רוב פון דען גלויבן ברוב
זאלכי זיין · דיא דא אין דער יוגנד אויש אין
ווייזנהייט זאלכי נדרים גטאן האבן :

## עיקר כד

### פון דעם סדר העבודה · וועלכן זיא בלשון רומי מיסא צו נענן פפלעגן :

דיזר עיקר גרינדט זיך אויף דען פאריגן עיקר כ"ג:
אוני האנדלט נור פון דעם סדר דער יעניגן
עבודה אוני פון איר איכות דיא פאר הער אייזט
בשריבן וואָרדן : אוני עס ווירד דיזר סדר גנענט

מיסא פֿון דעם וואָרט אויט דעם לשון רומי
מיטרי · וועלכט אויך טייטט הייטט טיקן אדרל
וועק גין לאזן · וויל נעמליך דער מנהג וואר ביים
דען קראנקים דט בייא ריזא סדר קיינר פֿון צבור
הארפֿטי דאביים זיין אלז נור דיא יעניגי · וועלכי
זיך בכוונה אונ' לשם העבֿודה האבן דאלו אכֿין
גוועזן : אונ' וויל נון זאלכֿט לו לעלט נאך קריאת
התורה אונ' נאך אלן תפֿילות גשאך · אונ' דאך
ניכֿט אלי טאג · זאם אונזטי דער טאט ווען עט פֿר
ריכֿטיט ווערדן זאלטי פֿאר הער לום קהל אוריט
זיין אונ' זאגן מיסא עזט · כלומר בדרך כבוד
דיא טול איזט טון אויט אונ' עט קענטי איין
איקליכֿר. וועק נאך הויז גין · דער זיך ניכֿט לו
דער עבֿודה דיא גהאלטן ווערדן זאלטי האט לו
ברייטיט וויא דאוי איזט :

## חילוף ג

עש ווירד אונזרן גמיינרן איט און רעכֿט טולר
גגעבן · דט זיא דיא מיס זאלן אבגטאפֿט
האבן : דען דאט איזט ידוע לכל · דט דיזי
עבֿודה בייא אונז איט גרעטריך כוונה אונ' פֿיל
ערנטטליכֿר גהאלטן ווירד אלז בייא אונזרן אלטיים:
זאם ווערדן אויך דיא האוניים איט דעם אליר
גרעטטן פֿלייז זער אפֿט אונטר ריכֿטיט פֿון דעם
זאקראמענט

זאקראמענט׳ (אן זעהי פאר הער אין חילוף ראשון׳)
וואזו דאס זעלביגי איזט איין געזעצט ׳ אונ׳ ווים
עס צו געברויכן זייא ׳ אלז נעמליך דיא ערטראקני
גמיטר (פאר דען חרון אף פון הק״בה וועגן אירר
זינדן) דמיט צו טריטטן ׳ וואדורך דען דאס
פאלק צו דער גיזונג פון דיזר עבודת המזבח
אונ׳ צו דער מיס גלויגן ווירד : דא ביים גטילגט
אויך אונטרריכטונג ווירד אנדרי און רעכטי
לערנונג פון דעם זייכן דס גנאדן פר בונדס :
אלזו איזט אויך אין דעם סדר פון דער מיס קיינה
זונדרליכי פרענדרונג גטעהן ׳ אלז דס נור אין
עטליכי ארטן טייטשי מזמורים (אום דאדורך דיא
המוניים צו לערנן אונ׳ צו איבן) נעבעטט דען
מזמורים בלשון רומי גזונגן ווערדן ׳ אין דעם
אלי סדרים אונ׳ מנהגים אבזונדרליך דאלו דינן זאלן ׳
דס דיא המוניים דאדורך לערנן מעכטן וואס אינן
ניטיג זייא פון דעם משיח צו וויסן :
נאך דעם אבר דיא מיס אויף אונגרטירליכי וייז
פאר דיזר צייט איזט מזולזל ווארדן׳ ווייא עד
היום הזה בקאנט איזט ׳ דס אן אאס אייגן יאהר
אמרק דארויט געמאכט ׳ אונ׳ זיא געקויפט אונ׳ פר
קויפט האט ׳ אונ׳ דס דיזעלביגי ברוב אין אלן בתי
כנסיות פון געלדס וועגן איזט געהאלטן ווארדן ׳
זא איזט דיזר ביזר מנהג פיל מאל אויך פאר דיזר

צייט פון צארניש אונ' ירמיי שאים גשטראפט
גוואררן : אלז נון דיא דרשנים בייא אונז דא פון
גדרשת האבן · אונ' דיא כהנים ערמאנט זיין
מיט דער פורכטזאמן התראה אונ' בצייגונג ·
וועלכן בילך איין איגליכן ירא שמים אכריע זיין
זאל · דש איין איגליכר . דער דאש דם ונפש
דש משיח אוכל איזט אונ' איזט ניכט לאוי דא צו ·
דער זעלביגי זייא חייב אן דעם דם ונפש פון
דעם משיח · זאז זיין דארויף זאלכי מיסי אין אונזרן
קהילות בטל גוואררן אונ' וועק גפאלן דיא דא פר
קויפט צו ווערדן פפלעגטן · אונ' בייז היער העט
באונס אום געלד אונ' אנדרי הנאות וויל זיין
גהאלטן וואררן ·

דא בייא איזט אויך דער גרויסי תעות
בשטראפט ווארדן · דא אין גלערנט
האט דש דער משיח אונזר העט האט דורך זיינן
טויט נור איין דען חטא פון אדם הראשון אכפר
גוועזן · אונ' דש ער דיא מיס האבי אתקן גוועזן
צו איינם קרבן פאר דיא אנדרי חטאים · אונ'
אלזוא האט אן דיא מיס צום קרבן גמאכט פאר דיא
לעבנדיגי אונ' פאר דיא טויטי · אום דארורך דיא
זינדי הין וועק צו נעמן אונ' הק'בה אכפר צו זיין :
דארויט איזט וויטר גפאלגט · דש אין אפאלפ
גוועזן האט · אויב איינה מיס וועלכי פאר פיל
גהאלטן

גהאלטן ווארדן · זוא פֿיל מזכה זייא · אלז ווען
מן פֿאר איינן איגליכן איינה בזונדרי גהאלטן העטי:
דאהער איזט דיא גרוישי מענגי פֿון דען מיסן
גקומן · עד לאין מספר · דש מן מיט דיזר זאך
האט וואלן בייא השי׳ אליט ערלאנגן · וואש מן
ניטיג גהאט · אונ׳ איזט דא בייא דיא אמונה אן
דען משיח אונ׳ דיא רעכֿטי עבֿודה פֿר געסן
גווארדן :

דארום איזט דאפֿון איינה אונטרווייזונג
גשעהן · וויא עש דיא נויטווענדיגקייט
ערפֿאדרט דש מן וויסן מעכֿטי · וויא דיזש
הייליגי אות הברית רעכֿט צו גברויכֿן ווערי : אונ׳
ערשטליך דש קיין אנדר קרבן זייא פֿאר דעם חטא
פֿון אדם הראשון אונ׳ פֿאר אנדרן זינדן · אלז נור
דער איינציגי טויט פֿון דעם משיח · אונ׳ דיזש
צייגט דיא תורה אן פֿילן ארטן אן : דען אלזוא
שטיט גשריבן אין דעם בריבֿ אן דיא עבֿריים ·
סימן ט׳ דש זיך דער משיח איין מאל האבי מקריבֿ
גוועזן · אונ׳ דאדורך אלי זינדי מכפר גוועזן :
עש איזט עטוואש נייאש · וועלכֿש ניאמלש איזט
ערהערט ווארדן · דש מן מעגליך אין כנסת
המשיחיים לערנט · דש דער טויט פֿון דעם משיח
זאלטי נור אליין דען חטא דורך אדם הראשון אונ׳
זונשטן ניכֿט אויך דיא אנדרי זינדן האבן מכפר

גוועזן : דעשט וועגן איזט צו האפן דש איין
איגליכר וואול פרשטיט · דש זאלכר טעות ניכט
און ביליך איזט גשטראפט ווארדן :
צום · אנדרן זאל לערנט דער קדוש פוילוס אין
דעם בריב אן דיא רומיים סימן ג׳ פסוק
כ״ה · דש איר פאר הק״בה חסד ורחמים ערלאנגן
דורך דיא אמונה · ניכט אבר דורך מעשים :
דאווידר איזט בפירוש דיזר ביזי מנהג פון דער
מיס · דא מן פר מיינט דורך דיזט ווערק חסד
צו ערלאנגן · וויא דען בוואושט איזט · דש דיא
מיס דאזו גברויכט ווירד · אום דא דורך דיא
זינדי וועק צו נעמן · אונ׳ חסד אונ׳ אלי מתנות
בייא גאט צו ערלאנגן : ניכט אליין דער כהן פאר
זיך ( פרמיינט דיזט צו ערלאנגן ) · זונדרן אויך
פאר דיא גאנצי וועלט · אונ׳ פאר אנדרי לעבנדיגי
אונ׳ טויטי :
צום דריטן זאל איזט דיא עבודת המזבח איין
גזעלט ניכט דאויט איין קרבן צו בריגגן
פאר דיא זינדי · דען דאס קרבן איזט צו פאר
גטעהן · זונדרן דש אונזרי אמונה דאדורך ער
וועקט אונ׳ דיא גלה רוח גטריטטיט ווערדן מעכטן
אלז וועלכי דורך דיא עבודה הקדושה ער מינרט
ווערדן · דש אינן דער משיח חסד אונ׳ סליחת
החטאים פרטפראכן האט · דעטט וועגן

ערפארדרט דיזי עבודה הקדושה דיא אמונה •
אונ׳ ווירד אן אמונה בחנם געברויכט :

דערווייל נון דיא מים ניכט איין קרבן איזט
פאר אנדרי לעבנדיגי אונ׳ טויטי אידי
זינדי וועק צו נעמן • זאנדרן זאל איינה געניסונג
זיין דיא בחברותה געטיכט דא דער כהן אונ׳ אנדרי
דאט דם ונפש פון משיח פאר זיך עמפפאנגן • זא
ווירד דיזר סדר בייא אונז געהאלטן : דט אן אן
דעם פיימר טאג • אדר אויך זונסט ווען וועלכי
דא זיין • דיא דאט דם ונפש פון משיח וואלן אוכל
זיין אונ׳ זיך פר איין בארן וואלן • דיא מים האלטיט •
אונ׳ עטליכי דיא עט בגעהרן • דיא בקואן עט :
אלזוא בלייבט דער סדר פון דער מים בייא אונז אין
אירן רעכטן געברויך • וויא זיא פאר לייטן אין
כנסת המשיחיים געוועזן איזט • וויא אן בווייזן
קאן אויט דעם וואט דער קדוש פוילוס שפריכט
אין דעם ערשטן בריב אן דיא קהילה צו קורינטוס •
סימן י״א פסוק כ״ז : דא צו אויך אויט דען ספרים
פון פילן קדמונים זכרונם לברכה : דען
כריזושט מוס שפריכט וויא דער כהן טעגליך
שטיט אונ׳ פארדרי עטליכי צור פר איין בארונג •
אונ׳ עטליכי פראמט ער הין צו צו טרעטן : אויך
זייגן דיא אלטי כלים אונ׳ דיבים אן • דט איינר
דיזי עבודה פר ריכטיט • אונ׳ דיא אנדרן כהנים

אונ׳

אונ׳ שאטים האבן דיזעלביגי צו זאמן אקבל גוועזן : דען אלזוא צויטן דיא ווארטי אין דעם כלל · וועלכר אויך דעם ווער צו ניקיא ( דאפון פארן בייא דעם ערשטן עיקר צו לעזן ) גזאגט איזט · דיא שאטים זאלן נאך דען כהנים כסדר דאש זאקראמענט עמפפאנגן פון דעם ראט איבר דיא כהנים ( עפיסקופוס בלשון יון · אונ׳ בלשון אשכנז בישאף ) אדר פון דען אנדרן כהן :

דא אן נון היערמין ניכטש פאר גנואן האט · וועלכש ניכט אין דער כנסת המשיחיים טון משנים קדמוניות גוועזן איזט · אונ׳ וויל אויך אין דעם עפנטליכן סדר פון דען מיסן קיינה זונדרליכי פר ענדרונג גשעהן איזט · אונ׳ נור אליין דיא און ניטיגי מיסן : וועלכי אפטר דורך איינן בייזן מנהג נעבן דיא ארדנטליכי פפלעגטן גהאלטן צו ווערדן · זיין בטל גווארדן אונ׳ הין וועק גפאלן · זוא זאל ביליך דיזר סדר דיא מיס צו האלטן ניכט ניכט אלז מינות אונ׳ אלז איין זאלכר דער ניכט כדת המשיחיים איזט פר ווארפן ווערדן : דען אן האט פאר צייטן ניכט אלי טאג מיס גהאלטן אויך ניכט אין דען גרויטן קהילות · זאו פיל פאלק גוועזן · אויך ניכט אן דיא טאגי אן וועלכן דאש פאלק צו זאמן קאם · וויא דאש בוך אן צייגט · וועלכש גנענט וירד טריפארטיטא היסטאריא

( אדר

(אדר דרייאפאך מעטה בוך) אין דעם ניינדן פפר · דט אין צו אלכסנדריא אן איטוואך אונ׳ פרייטאג דיא תורה געלעזן אונ׳ אפרט געוועזן · אונ׳ זונטטן אלי תפילות אונ׳ עבודות פר ריכטיט · אויטגנואן דען סדר פון דער מים :

## עיקר כה

פון דער ווידוי (כלשון אשכנז בייכט) :

עש ווירד נאך דער תורה פון ברית החדשה ערפאדרט · דט איין איקליכר דער זיך צו דער עבודה וויל צו בריטן דיא איר אין חילוף א׳ עבודת המזבח גנענט האבן · דער אוז קודם כל דא איט אן פאנגן דט ער מפשפש במעשיו אונ׳ מתחרט איזט איבר זיינה חטאים בלב נשבר ונדכה׳ אונ׳ דער נאך אוז ער זייני עבירות בכלל אונ׳ נור סתם פאר דעם כהן מודה זיין וגו׳ : דיזט הייטט מן דיא ווידוי אלהיר · בלשון אשכנז הייטט עט דיא בייכט · וויא טון געאעלדט :

## חילוף ד

דיא ווידוי איזט אין אונזרן קהילות ניכט אבגטאפט ווארדן · דען דיזר אנהג ווירד בייא אונז געהאלטן · דט דאט זאקראמענט קיינם געגעבן ווירד · ווען זיא ניכט פאר הער פון

וועגן אירי זינדי זיין אויט גפֿארטט ווארדן אונ׳
דיא הבטחה בקומן פֿון פֿר געבונג דער=זעלביגן :
דאבייא ווערדן דיא המוניים פֿלייסיג אונטרריכֿטיט
וויא טריסטליך דאס ווארט פֿון דער הבטחה צו
כפרת החטאים זייא · וויא הויך קעטטליך דיזי
הבטחה צו האלטן · דען עס זייא דיזו שטיאי
וועלכֿי זיא מבטיח איזט ניכֿט דיא שטיאי אדר
דאס ווארט פֿון דעם מענשן דען זיא הערן ·
זונדרן עס זייא דאס ווארט פֿון גאט · דער דא
דיא זינדי פֿר גיבט · דען דיא הבֿטחה פֿון סליחת
החטאים · ווירד אן שטאט פֿון הקב״ה אונ׳ אויט
זיינם בפֿעל גשפראכֿן :

פֿון דיזם בפֿעהל אונ׳ פֿון דעם רשות דיא הטאים
צו פֿרגעבן אדר ניכֿט · ווירד מיט גרויסן
פֿלייס גלערנט · וויא ניטיג אונ׳ וויא טריסטליך
זיא זייא פֿאר דען חרדים אונ׳ נכה רוח · דאצו
ז.יזט אן אויך מודיע וויא הטי פֿארדרט דיזי הבטחה
(פֿון סליחת החטאים) מאמין צו זיין · ניכֿט
וויניגר אלז ווען דיא שטיאי פֿון הקב״ה זעלבסט
פֿון דעם הימל געהערט ווערדי · אונ׳ אונז דאפֿון
פֿריליך מנחם זייא · אונ׳ דש אן ווימן אונז · דש
איר דורך זאלכֿן גלויבן פֿרגעבונג פֿון דער זינדן
ערלאנגן : פֿון דיזן נויטוועדיגן זאכֿן האבן דיא
כהנים פֿאר צייטן וועלכֿי פֿון דער ווידוי דרשתן

ניכֿט איין ווארט גרידט · זונדרן האבן נור דיא הערלר פֿון דען מענטן מענה ומיצר גוועזן מיט איינר לאנגן ערצילונג פֿון דער זינדי · וויא מן דיזעלביגי מוז מכֿפר זיין · וויא מן זיך מוזטי דעסטוועגן פטורים קויפֿן · אונ׳ אויך דיא קברי הקדושים אונ׳ אויך אנדרי הייליגי מקומות רייזן · אונ׳ דערגלייכֿן זאכֿן מעהר : אונ׳ פֿיל פֿון אונזרן מלשינים זיין זעלבסט מודה · דש דיא לערנונג פֿון דער תטובֿה טלאה פֿון אונז פֿיל בעסר גטריבן אונ׳ געהאנדלט ווארדן · אלז וויא פֿאר דיזם אין לאנגר צייט ניכֿט גטעהן ·

אונ׳ ווירד פֿון דער ווידוי אלזוא גלערנט · דש מן ניאמנדן צווינגן זאל זייני חטאים בפירוש מיט דעם נאמן צו ערצילן · דען זאלכֿש איזט און מיגליך . וויא דער פסוק טפריכֿט אין תהלים י״ט · ווער סריבֿט דיא מיססאט · אונ׳ דער נביא ירמי׳ טפריכֿט . דש דאס מענטליכֿי הערץ זוא ביז איזט · דש מן עס ניכֿט אויס פֿארטן קאן : דיא בייזי טבֿע פֿון דעם בן אדם טטעקט זוא טיף אין זינדן · דש זיא דיזעלביגי ניכֿט אלי זעהן אדר ערקענן קאן · אונ׳ זאלטן אונז אליין דיא פֿרגעבן ווערדן · דיא מיר ערצילן קענן · זוא ווער אונז ווניג געהאלפֿן : דערמאהאלבן איזט

עכט ניטיג דיא זייט צו צווינגן אום דיא זינדי
בפירוש מיט דעם נאמן צו ערצילן :

אלזוא האבן אויך דיא קדמונים זכרונם לברכה
דאפון גשריבן · וויא מן פינדט אין
דען דינים נעמליך אין דעם ערשטן סימן פון דער
תשובה · דא דיא ווארטי פון דעם תנאי
כריזושטומוס מן גצוויגן ווערדן · אונ' אלזוא לויטיט ·
איך זאגי ניכט דש דוא דיך זעלבשט זאלשט
בפרהסיא מן געבן · נאך בייא איינם אנדרן דיך
זעלבשט מן קלאגן אדר מחייב זיין · זונדרן
גהארכי דעם נביא דער דא שפריכט אפן באמרי
גאט דייני וועגי וגו' : דערמאהאלבן זוא זייא
מתוודה פאר הקב"ה · אלז פאר דעם שופט אמת
נעבן דיינר תפילה · זאגי ניכט דייני זינדי מיט
דער צונגן · זונדרן אין דיינם גמיט אונ' אין דיינם
הערצן :

היער זיכט מן קלערליך · דש כריזושטומוס
ניפט צווינגט דיא חטאים דוקא בפירוש צו
מעצלרן : אלזוא לערנט אויך דער פירוש איבר דיא
פסקים אונ' דינים (פון דען קדמונים) אין סימן ה'
פון דער תשובה · נעמליך דש דיא ווידוי ניכט מן
התורה גבאטן · זונדרן דורך מענטן איין געזעצט
זייא : דאך זיין דיא דרשנים פלייסיג מודיע דש
דיא ווידוי זאל ערהאלטן ווערדן פון וועגן דער

הבטחה

הבטחה פון סליחת החטאים · וועלכי דער שורש
אונ׳ עיקר דאדרינן איזט · נור נחמה פאר דען
חרדים אונ׳ נכה רוח · אונ׳ פון וועגן עטליכר
אנדרר אורזאכן :

## עיקר כו

### פון דעם אונטרשייד דער עמן טפיין :

## חילוף ה

פאר צייטן האט מן אלזוא אין דען דרשות מודי״ע
געוועזן אונ׳ אין דען ספרים געשריבן דש
דער אונטרשייד פון דען עמן טפייאן · אונ׳ דער
גלייכן געבאט דיא פון מענשן זיין איין געזעלט
װארדן · דאלז דיזן זאלן · דש מן דאדורך חסד
ורחמים (ביא השי׳) פֿרדינן מעכטי · אונ׳ דיא
חטאים מכפר זיין · אויט דיזם גרונד האט מן
טעגליך נייאי תעניות · נייאי מנהגים · נייאי
חברותורת · אונ׳ דער גלייכן אויט געראכט · אונ׳
אויך זאלכי זעהר שטארק אונ׳ הארט געטריבן · אלז
ווערן זאלכי זאכן ניטיגי עבודות · דאדורך מן
חסד בייא הקב״ה פֿרדינט · ווען מן עס האלטיט ·
אונ׳ להיפך · דש איינה גרויסי זינדי געשעכט ווען
מן עס ניכט אקיים איזט · דארויט זיין פיל ביזי

אונ׳ שערליכי טעות אין אלי קהילות פון דען משיחיים געפאלגט :

ערשטליך איזט דאדורך דער חסד · וועלכר דורך דען משיח ערלאנגט ווירד ·

אונ׳ דיא לערנונג דער אמונה זעהר פר פינשטרט · וועלכי אונז דאך דיא בשורה טובה זעהר ערנסטליך פאר האלטן · אונ׳ טרייבט זעהר שטארק דרויף · דש מן דאש זכות פון דעם משיח זעהר הויך אונ׳ קעשטליך האלטן זאל · אונ׳ וויסן · דש דיא אמונה אן דען משיח הויך אונ׳ וויט איבר אלי מעשים טובים צו זעצן איזט : דעשט וועגן האט דער משולח פוילוס בכל מאמצי כחו ווידר דיא ביזי פרושים פון תורת משה אונ׳ ווידר זאלכי תורה דיא פון מענשן הער קואן מפלפל געוועזן · דש איר לערנן זאלן דש איר פאר גאט ניכט גרעכט ווערדן אויש אונזרן מעשים · זונדרן אליין דורך דען גלויבן אן דען משיח · אונ׳ דש איר חסד מקבל זיין · בזכות המשיח : זאלכי תורה איזט באלד גאנץ בטל װארדן · נעמליך דאדורך· דש מן האט מודיע געוועזן דען חסד פון הקב״ה צו פר דינן דורך האלטונג אייניגר אלות · דורך אונטר טייד אין עסן טפייזן · אונ׳ אין קליידרן וגו׳ :

צום אנדרן האבן אויך זאלכי מענטליכי איין זעלונגן דיא גבאט פון הטי׳ דונקל גמאכט

דען אן זעלט דיזי מענטשליכי איין זעלונג וויט
העכר איבר דיא מצות פון הקב"ה : אן האט
דיזט אליין פאר אייני רעכטי אויך פיהרונג כרת
המטיחיים גהאלטן · ווען איינר דיא פיימר
טאג זאת אדר זות היטיט · דיזי תפילות טוט ·
אלזוא פאטטיטי אלזוא זיך בקליידיטי · דאס
נענטי אן חיים רוחניים ( איין גייסטליך לעבן )
נאך דער תורה פון דען מטיחיים : דאר
נעבן האט אן אנדרי זאכן דיא גוט אונ ניטיג זיין
פאר דברי חול אונ עולם הזה גהאלטן · נעמליך
זאלכי זאכן · דיא איין איגליכר נאך זיי"ם אעאר
לו טון טולריג איזט · לאטל דש דער בעל הבית
ארבייטן זאל זיינה פרויא אונ קינדר אחיה לו
זיין אונ דיא קינדר אחנך לו זיין לו יראת שמים :
דש דיא אטה אין דעם הויז דיא חבלי לידה
גרולריגליך ער טראגט אונ זוכט דיא קינדר אגרל
לו זיין : דש איין מלך אונ שר זאל דאס לאנד
אונ דיא לייט רעכט מנהיג זיין וגומר · זאלכי
זאכן דיא פון גאט גבאטן זיין · אוזטן נאך
אידר דיעה און פול קואני דברי עולם הזה הייסן ·
אבר דיא מענטשליכי גבאטי אוזטן דען ווירדיגן
נאאן האבן דש זיא אליין הייליגי אונ פולקואני
ווערקן הייסן : דעטט ועגן וואר קיין אאס אונ
ציל זאלכי מענטשליכי גבאט לו אאכן :

צום דריטן ווא זיין זאלכי מענטליכי מיין זעלונג
צור גרויטן טרחה אונ׳ עול פון דען לייטן
גווארדן · דען עס וואר ניכט מיגליך אלי
מענטליכי גבאט צו האלטן · אונ׳ דאך ווארן דיא
לייטי אין דער מיינונג אלז ווען דיזט מייני ניטיגי
עבודת השם ווערי · אונ׳ טרייבט גרשון · דש
פילי היערדורך זיך האבן מיאש גוועזן פון אלן
חסד ורחמים בייא הק׳בה : עטליכי האבן זיך
אויך זעלבשט ממית גוועזן · דעטט וועגן וייל
זיא קיינה נחמה פון דעם חסד דש אטיח גהערט
האבן : דען אן זיכט בייא דען חכמי המוסר פון
דער כתה דש אספיור וויא זיא דיא גמיטר פון
דען המוניים און רוהיג מאכן אונ׳ אבלבל זיין ·
אלז וועלכי זיך אונטרשטאנדן האבן דיא מענטליכי
מיין זעלונג צו זאמן צו זעזן · אונ׳ בייא זאלכן
מענטליכן מיין זעלונג אלירלייא התרות אונ׳ היתורי׳
גזוכט · דמאיט זיא דען לייטן העלפן מעכטן :
דיא דא ערשראקן ווארן · אונ׳ איין לב נשבר
האטן . אונ׳ זיא האבן זוא פיל דמאיט צו טון
גהאבט · דש אין צווישן דיא תורת מאת פון
ניטיגן זאכן · אלז פון דער אמונה · פון דער
נחמה אין גרויטן נסיונות אונ׳ צרות אונ׳ דער גלייכן
מעהר · גאר דאנידר גלעגן האבן : דאליבר
האבן אויך פאר דיזן פילי יראי שמים זעהר מתרעם
גוועזן :

גוועזן · דש זאלכי מענשליכי איין זעצונג פיל
מחלוקות אין דען קהילות פון דען משיחיים אן
ריכטן · אונ' דש פרומי לייט דאדורך פר הינדרט
ווערדן דש זיא צו דער רעכטן ערקענטניס פון
משיח ניכט קומן מעכטן : גרשון אונ' עטליכי
מער האבן דאווידר זעהר מתרעם גוועזן : יוא
עס האט דעם תנאי אויגושטינוס איבל געפאלן ·
דש מן דיא געמיטר פון דען לייטן מיט פילן
מענשליכן געבאטן בשווערט : דעסט וועגן
אונטריכטיט ער דאביא · דש מן עס ניכט פאר
ניטיג האלטן זאל :

דארום האבן אונזרי למדנים ניכט בפושע אדר
אויס קלות אונ' זילזול קיגן דיא
געוועלטיגקייט פון דען ראשי הכהני' פון דיזן זאכן
געלערנט · זונדרן עס האט דיא גרויסי
נויטוועדיגקייט ערפאדרט איינה אונטרריכטונג
צו טון פון דען טעות וועלכי אויבן געמעלדט זיין ·
אונ' וועלכי אויס איינם און רעכטן פר שטאנד פון
דען מענשליכן איין זעצונגן הער גקומן זיין : דען
דיא תורה פון ברית החדשה וויל האבן דש דיא
לערנונג פון דער אמונה זאל אונ' אונז אין דען קהילות
פון דען משיחיים איין געשערפט ווערדן · וועלכי
לערנונג דאך ניכט קאן פרשטאנדן ווערדן · ווען
ווען מן פרמיינט דורך זאלכי מעשים חסד צו

ערלאנגן · דיא אן זיך זעלבשט אויט גווילט האט :
